## ייִדיש לידער פֿונעם ייִדישקלאַס אין אָטאַװער־אוניװערסיטעט, 2007

שושנה עדאַגבאַמי, **מײַן ייִדישע נשמהלע**

איך האָב אַ ייִדישע נשמהלע.

עטלעכע מענטשן װײסן ניט װעגן איר,

אַנדערע מענטשן פֿאַרשטײען זי ניט,

און אַנדערע מענטשן װעלן זי קײן מאָל ניט אָננעמען.

זי װעט זײ קײן מאָל ניט געפֿעלן,

אָבער דאָס אַרט מיך ניט.

די ייִדישע נשמהלע איז מײַנע.

עס איז דאָ אַ פֿינטעלע ייִד אין מיר,

און דאָס װאָס מײַן ייִדישע נשמהלע זאָגט מיר איז אמת.

ייִדיש איז ניט *'דזשיבריש'* אָדער *'סװידיש'* אָדער *'גריניש'* אָדער *'בידיש.'*

ייִדיש איז די שפּראַך װאָס עס רעדט מײַן ייִדישע נשמהלע.

און אין דעם אָרט בסוד און נאָר מיר באַקאַנט

קען מיט דער צײַט ניט פּאָליטיק, ניט אונגערעכטיקײט

הרגענען מײַן ייִדישע נשמהלע.

זי װעט לעבן אויף אײביק.

*שושנה עדאַגבאַמי לערנט זיך שפּאַניש אין אָטאַװער־אוניװערסיטעט.*

שאול בערט, **דער פּעדלער**

דער פּעדלער קומט מיט זײַנע װערטער

אַ בדחן מיט זײַנע באַלאַדן.

אַ מאָל, אַ מאָל האָבן מיר אים געקושט

אָבער הײַנט זײַנען די גרינע פֿעלדער שװאַרץ.

*שאול בערט איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון קעלטישע לימודים אין אָטאַװער־אוניװערסיטעט.*